בעזהשי"ת

# דברות קודש

אשר זכינו לשמוע

## מאת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

סוכות - שמחת תורה

פק"ק קרית טאהש יצ"ו

## חלק מהוצאות הקונטרס

נתנדב ע"י

האברך **שמעון ראטטענשטיין** הי"ו

לרגל הולדת בתו למזל טוב

ולעילו נשמת
זקינו הרה"ח דוד מנשה בן ר' שמואל ז"ל
ראטטענשטיין

להערות או לנדב
לזכות או לע"נ
יכולין לפנות:
929-559-4118

יוצא לאור
**לקראת חג הסוכות**
**שנת תשפ"ו לפ"ק**

# ליל אושפיזא דיעקב

## | שנת תשפ"ב |

הלומד במועדות נשפע לו כח מיוחד לעסוק בתורה בכל השנה

אונז זענען היינט אריינגעקומען אין די ערשטע טאג פון די הייליגע חול המועד טעג, חול המועד סוכות. ס'איז א געוואלדיגע טאג היינט, ס'הייבט זיך אן היינט דאס וואס חכמינו ז"ל זאגן לא נתנו מועדים לישראל אלא שיתעסקו בתורה, מ'האט אונז געגעבן חול המועד נאר כדי מ'זאל עוסק זיין אין די תורה.

דער אויבערשטער האט טאקע געגעבן די מועדים צו עוסק זיין בתורה, אבער נישט נאר די מועדים איז געמאכט צו לערנען, נאר די גאנצע יאר איז דאך אוודאי אויך געגעבן געווארן צו לערנען, די תורה טוט דאך משפיע זיין, די איינציגסטע דרך וויאזוי א מענטש קען זיך האלטן איז נאר דורך די תורה. נאר אין די מועדים איז דא א עקסטערע כח וואס דער אויבערשטער האט געגעבן וואס דאס זאל משפיע זיין אויף א גאנץ יאר, אז מ'לערנט אין די מועדים איז עס משפיע אז מ'זאל קענען עוסק זיין בתורה א גאנץ יאר.

איבערהויפט יום טוב סוכות, סוכות איז דאך נישט סתם א יום טוב, ס'איז א יום טוב וואס איז אנפאנג יאר, ס'טוט משפיע זיין פאר א גאנץ יאר, אז מ'וועט לערנען אין דעם יום טוב, וועט עס דאך אודאי משפיע זיין אז אידישע קינדערלך זאלן זיך קענען צוכאפן א גאנץ יאר צו די תורה הק'.

היינט איז אושפיזא דיעקב, יעקב אבינו איז דאך געזיצען און געלערנט תורה, אזוי ווי ס'שטייט (בראשית כה כז) ויעקב איש תם יושב אהלים. יעצט קומט ער דאך אראפ צו משפיע זיין פאר אונז, אז אונז זאלן זיך קענען צוכאפן צו די תורה א גאנץ יאר.

### ולקחתם לכם ביום הראשון - ראשון לחשבון עוונות

ס'שטייט (ויקרא כג מ') ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר וכפות תמרים, שטעלט זיך א קשיא פארוואס שטייט 'ביום הראשון', אונז ווייסן דאך אז די ערשטע טאג סוכות איז ט"ו תשרי, ס'וואלט געדארפט שטיין ולקחתם לכם ביום חמשה עשר בחודש השביעי, פארוואס שטייט ביום הראשון, וואס וויל אונז די תורה לאזן וויסן מיט די 'ביום הראשון'.

זאגט די גמרא 'ביום הראשון' מיינט צו זאגן 'ראשון' לחשבון עוונות. דארף מען פארשטיין וואס מיינט די גמרא צו זאגן מיט די ראשון לחשבון עוונות.

די ספרים הקדושים ענטפערן פארשידענע תירוצים, יעדער איינער ענטפערט א אנדערע תירוץ, איינער ענטפערט אזוי איינער ענטפערט אזוי. אונז ווען פרובירן צו ענטפערן מיט א ווארט.

### מהו השאלה הראשונה ששואלין בבית דין של מעלה, עסקת בתורה או נשאת ונתת באמונה

ס'שטייט אין גמרא אויף איין פלאץ (קידושין מ: סנהדרין ז.), ווען א מענטש גייט ארויף נאך די הונדערט און צוואנציג, פרעגט מען איהם די ערשטע שאלה 'עסקת בתורה', מ'לערנט עס ארויס פון א פסוק אין משלי 'פוטר מים ראשית מדון', דרש'נט די גמרא אין מים אלא תורה, די ערשטע זאך וואס מ'איז דן דעם מענטש ביים בית דין של מעלה איז וועגן די תורה, מ'פרעגט איהם 'עסקת בתורה'. נאכדעם שטייט אין א אנדערע גמרא (שבת לא.) אז די ערשטע שאלה וואס מ'פרעגט דעם מענטש איז 'נשאת ונתת באמונה', און הערשט נאכדעם פרעגט מען איהם 'עסקת בתורה'.

ס'איז זייער שווער צו פארשטיין, וואס איז באמת די ערשטע שאלה, צו פרעגט מען קודם די שאלה פון 'עסקת בתורה' אדער פרעגט מען קודם די שאלה פון 'נשאת ונתת באמונה'.

תוספות (שם) און די מהרש"א (סנהדרין שם בח"א) רעדן פון דעם. די ספרים ברענגען אבער אז היינו הך, ס'איז ביידע צוזאמען די זעלבע זאך, וואס הייסט.

וכי לעסוק על המחיה ועל הכלכלה יש לו להאדם בינה ודעת, ולתורה הק' אין לו בינה ודעת

ס'ווערט געברענגט אין תנא דבי אליהו (זוטא יד), אז אליהו הנביא איז אמאל געגאנגען אין גאס און ער האט באגעגענט א מענטש, און דער מענטש האט אנגעהויבן צו חוזק מאכן צו ליצנות מאכן פון אליהו הנביא, האט ער פארשטאנען אז דער איז נישט קיין בן תורה, געווענדליך א מענטש שטעלט זיך דען אפ צו חוזק מאכן און אפצולאכן פון יענעם פאר סתם אזוי, נאר וואס דען, ער האט זיכער נישט קיין שום תורה אין זיך, האט אליהו הנביא געפרעגט דעם מענטש: וואס וועסטו ענטפערן אויף יענע וועלט ווען מ'וועט דיך פרעגן 'עסקת בתורה', וואסערע תשובה וועסטו געבן ווען מ'וועט דיך פרעגן צו דו האסט געלערנט תורה, האט ער געזאגט: איך וועל ענטפערן אז איך האב נישט געהאט קיין חכמה בינה ודעת, מ'האט מיר נישט געגעבן קיין שכל, האט ער איהם געפרעגט: מה מעשיך, וואס איז דיין ארבעט, וואס טוסטו, האט ער געזאגט: איך פאנג חיות ועופות, האט ער געפרעגט: וויאזוי פאנגסטו זיי, האט ער געזאגט: איך האב גענומען פשתן און איך האב עס צאמגענומען איך האב עס צאמגענייט, און איך האב געמאכט א גאנצע ארבעט דערויף ביז ס'איז געווארן א נעץ, און מיט דעם פאנג איך, פרעגט ער איהם: וויאזוי האסטו דאס געקענט מאכן, אויף דעם האסטו יא געהאט חכמה בינה ודעת, וויאזוי קען דאס זיין, אויף די תורה שטייט דאך 'כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו', די תורה איז זייער נאנט צום מענטש ס'ליגט 'בפיך ובלבבך', און אויף דעם האסטו נישט געהאט קיין שכל, און צו מאכן נעצן האסטו יא געהאט שכל, וויאזוי קען דאס זיין. האט ער אנגעהויבן זייער צו וויינען, האט ער איהם געזאגט: וואס וויינסטו דאס איז ביי יעדע מענטש, יעדע מענטש גייט אריבער שוועריגקייטן, ער האט נסיונות אויף די וועלט, ער דארף זיך נאר מקבל זיין, ער דארף וויסן אז ווען מ'וועט ארויפגיין אויף יענע וועלט וועט מען איהם דאס פרעגן.

נשאת ונתת באמונה שואלין בראשונה, רק למי שלא עסק בחייו בתורה כדי שלא יוכל לומר שלא היה לו חכמה

אין הימל ווייסט מען דאך פונקטלך אלע מעשים פונעם מענטש, וויאזוי די מענטש האט געהאנדעלט וויאזוי ער האט געלערנט. אויב קומט ארויף איינער וואס

מ'זעהט אויף איהם אז ער האט געלערנט תורה, ער האט עוסק געווען אין די תורה, פרעגט מען איהם צו ער האט עוסק געווען אין תורה, אויב קומט אבער ארויף, איינער וואס מ'זעהט אז ער האט נישט געלערנט קיין תורה, געבט מען איהם א פרעג 'נשאת ונתת באמונה', געהאנדעלט האסטו, האסט געהאנדלט מיט אמונה, זאגט ער: יא, איך האב געהאנדעלט מיט אמונה, פרעגט מען איהם: עסקת בתורה, זאגט ער: ניין, יעצט קען ער שוין נישט ענטפערן אז ער האט נישט געהאט קיין בינה ודעת, פארוואס, ווייל 'נשאת ונתת באמונה', דו האסט דאך געהאנדעלט, אויף דעם האסטו יא געהאט חכמה בינה ודעת און פאר די תורה האסטו נישט געהאט קיין חכמה בינה ודעת. איז טייטש ס'איז 'היינו הך', אז מ'פרעגט א מענטש נשאת ונתת באמונה איז עס נאר ווייל מ'וויל איהם אויספרובירן מ'וויל איהם אויפווייזן אז ער האט געהאט בינה ודעת, אבער באמת איז די ערשטע שאלה עסקת בתורה.

'ראשון' לחשבון עוונות - בחג הסוכות צריכין לחשוב מה שישוב על החשבון הראשון דהיינו עסקת בתורה

יום טוב סוכות זיצן אידישע קינדער אין די סוכה בצילא דמהימנותא, מ'זיצט אין שאטן פון אמונה אין שאטן פונעם אויבערשטן, ווען מ'זיצט אין די סוכה דארף מען דאך אריינטראכטן גרויס אמונה אינעם אויבערשטן, מ'דארף וויסן אז די סוכה ווייזט אויף די 'ענני הכבוד', און אויך אז די סוכה איז א 'זכר ליציאת מצרים', מ'דארף אינזין האבן אין די סוכה ביידע זאכן (טושו"ע א"ח תרכ"ה ועי' מ"א ופ"מ), אזוי ווי ס'שטייט (ויקרא כג מג) למען 'ידעו' דורותיכם 'כי בסוכות הושבתי' את בני ישראל, 'בהוציאי אותם מארץ מצרים'. אין יום טוב סוכות טראכט מען אריין ווער דער אויבערשטער איז, און אז דער אויבערשטער האט אונז ארויסגעצויגן פון מצרים, דער מענטש טראכט דאך אריין, דער מענטש מאכט א חשבון וואס ער דארף טון פארן אויבערשטן, דארף דאך די מענטש אריינטראכטן וואס ער גייט ענטפערן אויבן וויאזוי ער האט אויסגעניצט זיינע יארן ,אזויווי די ספרים הקדושים זאגן אז די זיבן טעג סוכות - די זיבן אושפיזא'ן איז קעגן די מענטשנ'ס לעבן, ס'שטייט דאך (תהלים צ' י') ימי שנותינו בהם שבעים שנה, די מענטשנס לעבן איז זיבעציג יאר, יעדע אושפיזא - יעדע טאג ווערט גערעכנט ווי צען יאר פונעם לעבן, די זיבן טעג סוכות ווערט גערעכנט קעגן די לעבן פונעם מענטש.

פארדעם זאגט די תורה ביים יו"ט סוכות 'ולקחתם לכם ביום הראשון', זאגט די גמרא 'ראשון לחשבון עוונות', סוכות רעכענט מען דאך אויס די עוונות פונעם לעבן, זאגט די תורה: זאלסט נעמען די 'ראשון' לחשבון עוונות', נעם די ערשטע חשבון, וואס הייסט, ווען מ'קומט ארויף אויף יענע וועלט איז די ערשטע חשבון וואס מ'פרעגט - די ערשטע שאלה איז 'עסקת בתורה', דארף דער מענטש אריינטראכטן אז ער זאל האבן וואס צו ענטפערן אויף די ערשטע חשבון, דער מענטש דארף זעהן אז ער זאל קענען ענטפערן אויף די ערשטע שאלה אז ער האט טאקע יא עוסק געווען אין די תורה. דאס איז די ראשון לחשבון עוונות, פארדעם האט מען געגעבן די יום טוב, 'לא נתנו מועדים אלא שיתיעסקו בתורה'.

## באין מליץ יושר וכו' תגיד ל'יעקב' - ע"י שהולכין בדרכי 'יעקב יושב אהלים' אזי ניצולין מהדינים

היינט איז דאך אושפיזא דיעקב, יעקב איש תם יושב אהלים. מ'זאגט ראש השנה און יום הקדוש ביים דאווענען באין מליץ יושר מול מגיד פשע תגיד ליעקב דבר חוק ומשפט. ווערט געברענגט א משל אויף דעם, ווען א מענטש גנב'עט, און מ'נעמט איהם אפיר פארן שופט, און די שופט פרעגט איהם 'האסט גע'גנב'עט', און ער זאגט 'יא', פרעגט איהם דעמאלטס די שופט אויב ער גייט באצאלן, איז אפילו אויב ער זאגט אז ער האט נישט צו באצאלן, אבער ער זאגט אז ער האט א פלאן וויאזוי צו באצאלן, צו אז די משפחה וועט ברענגען געלט און זיי וועלן באצאלן, אדער אויב ער זאגט אז ער גייט שאפן די געלט, דעמאלטס לאזט מען איהם ארויס, אויב אבער זאגט ער אז ער האט נישט צו באצאלן, און ער האט נישט קיין שום פלאן צו באצאלן זעצט מען איהם איין אין תפיסה.

די זעלבע זאך איז אויב א מענטש זינדיגט, ברענגט מען איהם צום בית דין של מעלה און מ'פרעגט איהם: דו האסט זכותים צו באצלן, דו גייסט תשובה טוהן, זאגט ער אז ער וויל תשובה טון, פרעגט מען איהם: דו האסט א פלאן וויאזוי צו תשובה טון, קען די מענטש זאגן אז ער האט א פלאן וויאזוי צו תשובה טון, ער וועט לערנען תורה און דורך די תורה וועט ער וויסן וויאזוי צו תשובה טון, די תורה איז דאך א לשון מורה ס'טוט ווייזן וויאזוי מ'קען תשובה טוהן, אויב זאגט ער אז ער גייט לערנען תורה דעמאלטס קען ער אויך געראטעוועט ווערן פונעם דין.

דאס איז פשט, 'באין מליץ יושר מול מגיד פשע', דער אויבערשטער זאגט פארן מענטש: דו האסט געזינדיגט דו האסט הארבע חטאים, און דו האסט נישט קיין מליץ יושר וואס זאל דיך פארענטפערן, דעמאלטס תגיד ל'יעקב' דבר חק ומשפט - זאלסטו גיין אין די וועג פון יעקב, יעקב איז געווען די איש תם יושב אהלים, ער איז געגאנגען בתמימות ער האט געלערנט די הייליגע תורה מיט תמימות, ער האט געטוהן וואס דער אויבערשטער וויל מיט א תמימות, אז דו וועסט דאס טון וועט זיין 'וצדקנו במשפט' - דעמאלטס וועסטו קענען גערעכטפערטיגט ווערן ביים משפט, דעמאלטס וועסטו קענען זוכה זיין בדין.

אידישע קינדער ווארטן דאך זוכה צו זיין ביים משפט, ס'קומט באלד די גרויסע טאג הושענא רבא, אידישע קינדער ווארטן אויף די גרויסע הילף, אידישע קינדער ווארטן אז זיי זאלן האבן א לעבטיג יאר, יעדער איינער ווייסט דאך וואס ער דארף, זאל מען זיך ארייגלייגן אין די תורה הק'. אויך זאל יעדער בעטן דעם אויבערשטן, און דער אויבערשטער וועט צו הערן, אבער דורך דעם וואס מ'ווייזט אז מ'שטרענגט זיך אן צו לערנען תורה וועט ער זיכער צהערן.

יעצט חול המועד איז דאך די זמן וואס איז געמאכט פאר תורה, בפרט סוכות איז דאך ראשון לחשבון עוונות, זאל מען זיך אראפזעצן לערנען, און דאס וועט משפיע זיין פאר אונז א גאנץ יאר. ברוך השם די כולל אינגעלייט די בחורים די בעלי בתים אלע זיצען און לערנען די הייליגע תורה, נאר וואס דען, ס'איז א חיזוק. און דער אויבערשטער זאל העלפן אז ס'זאל טאקע זיין א חיזוק, און ס'זאל זיין א מליץ יושר פאר זיי.

~ ~ ~

דער אויבערשטער זאל העלפן אז ס'זאל זיין א יאר פון תורה און פון יראה, רוחניות און גשמיות, און פון אלע גוטע זאכן, ס'זאל זיין וצדקנו במשפט, אונז זאלן אלע זוכה זיין במשפט, גאנץ כלל ישראל זאלן האבן אלעם וואס זיי דארפן, אלע אידישע קינדער זאלן האבן א לעבטיגע יאר, ביז אונז וועלן זוכה זיין צום ביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.

# ליל אושפיזא דמשה

## | שנת תשפ"ב |

**ושמחת בחגך בחג הסוכות כתיב, וכי בשאר רגלים ליכא המצוה של שמחת יו"ט**

אונז זיצן דא אין די סוכה בצילא דמהימנותא, אונז זענען מקיים די מצוה פון שמחת יום טוב, אזויווי ס'שטייט (דברים טז יד-טו) ושמחת בחגך, והיית אך שמח.

אינ'אמת'ן דארף מען פארשטיין וואס איז פשט פון די לשון 'אך' שמח, אך איז דאך א מיעוט, ס'קוקט אויס אז ס'קומט צו ממעט זיין אז די מצוה גייט בעיקר אן נאר אין די יום טוב.

און נאך דארף מען פארשטיין פארוואס טאקע שטייט די מצוה פון ושמחת בחגך נאר ביי יום טוב סוכות.

**בן שחזר לאביו לאחר שנים רבות השמחה והגעגועים הם גדולה יותר מהרגילות**

נאר וואס דען, די ספרים הק' ברענגען א משל, ס'איז געווען אמאל א קינד וואס איז געווען זייער נאנט צו זיין טאטע, און איינמאל האט מען איהם אוועקגענומען פון זיין טאטע, און מ'האט איהם אוועקגעשיקט אין א מדבר שממה, א פלאץ וואס ס'האט זיך געדרייט דארט חיות טורפות, און דאס קינד האט זייער מורא געהאט ער האט געהאט א מורא'דיגע פחד, פארשטייט זיך אז ס'איז איהם נישט געווען בא'טעם'ט דארט צו זיין, און ער האט זיך זייער געבענקט צו זיין טאטע.

אזוי האט ער געווארט און געווארט צוריקצוגיין צו זיין טאטע, ביז ענדלך נאך א שטיק צייט האט מען איהם צוריקגעברענגט צו זיין טאטע. וויבאלד ער איז געווען אפגעטיילט פון זיין טאטע אזא לאנגע צייט, איז די שמחה און די געגועים צו זיין טאטע געווען זייער שטארק נאך אסאך מער ווי פארדעם, און אזוי ווייט איז עס

געוועז, אז אויסער די גרויסע שמחה וואס ער האט געהאט האט ער זייער שטארק אכטונג געגעבן אז ס'זאל נישט צוקומען קיין שום זאך וואס זאל איהם אוועקנעמען פון זיין טאטען, אסאך מער ווי פארדעם.

> כשבר ישראל חוטא הרי הוא עושה בזה מסך המבדיל בינו לבין אבינו שבשמים ונתרחק ממנו

די זעלבע זאך איז מיט א איד. אונז זענען דאך אלע קינדער פון הייליגן באשעפער, דער טאטע אין הימל האט אונז באשאפן אויף די וועלט צו טוהן גוטע זאכן פאר איהם, דער מענטש איז אראפגעקומען אויף די וועלט צו זיין א געטרייע עבד פארן אויבערשטן, אונז אלע ווילן דאך זיין די געטרייסטע וואס מ'קען פארן הייליגן באשעפער, אונז ווילן טוהן די מערסטע און די שטארקסטע וואס מ'קען פאר אונזער הייליגע טאטע אין הימל, אונז ווילן זיין נאנט צום טאטען.

נאר וואס דען, ס'מאכט זיך אמאל אז א מענטש פארזינדיגט זיך פאר'ן אויבערשטן, וואס דאס מאכט אז ס'זאל ווערן א מסך המבדיל צווישן אונז און דעם טאטען אין הימל, און מ'ווערט נעבעך אפגעטיילט פון איהם, און מ'שפירט שוין נישט די זעלבע געגועים צו איהם, ווייל מ'האט געזינדיגט איז געווארן פון דעם א מסך המבדיל, די טאטע איז נישט נאנט צו אונז און אונז זענען נישט נאנט צום טאטען, מ'איז פארטריבען פון טאטען, און אונז בענקען זיך צום טאטען, אונז ווילן צוריקגיין צו איהם.

אבער ס'קומט אמאל א צייט וואס מ'קומט צוריק צום טאטען, ס'קומט די הייליגע טעג ראש השנה און יום הקדוש, וואס אידישע קינדער בעטן זיך איבער מיטן טאטען, און די טאטע איז מוחל אויף אלע עוונות, דעמאלטס גייט אוועק די מסך המבדיל, און דעמאלטס ווערט מען צוריק נאנט צום אויבערשטן און דער אויבערשטער ווערט צוריק נאנט צו אונז.

ווען דעם פרייען אונז זיך יעצט יום טוב סוכות, אידישע קינדערלך זיצן אין די סוכה בצילא דמהימנותא און מ'פריידט זיך מיטן אויבערשטן, ווייל אונז זענען צוריקגעקומען צום טאטען אין הימל. ס'איז דאך א געוואלדיגע שמחה מ'איז

צוריקגעקומען צום טאטען, מ'האט אזעלכע שטארקע געגועים צו איהם און מ'פריידט זיך מיט איהם נאכ'ן זיין אזוי לאנג אפגעטיילט.

פארדעם שטייט 'ושמחת בחגך' והיית 'אך' שמח, צו ווייזן אז די מצוה גייט בעיקר אן ביי דעם יום טוב, און פארדעם שטייט די מצוה פון ושמחת בחגך ארויסגעשריבן דוקא ביי די יום טוב, אז מ'זאל וויסן אז יעצט איז די צייט וואס מ'קען זיך אמת'דיג פרייען, ס'איז א גרעסערע שמחה פון אלע אנדערע ימים טובים, ווייל נאכדעם וואס דער אויבערשטער - אונזער טאטע האט אונז מוחל געווען אויף אלע חטאים, און די אלע מסכים המבדילים זענען אוועקגענומען געווארן, קען מען אמת'דיג נאנט ווערן צום אויבערשטן צום טאטען אין הימל, אזא צייט איז די שמחה א אמת'דיגע שמחה.

> בזמן שבנ"י שמחין עם הקב"ה שנתקרבו אליו נתן הקב"ה הד' מינים שהם מקרבים אותנו אליו ית'

וויבאלד יעצט איז די צייט וואס אידישע קינדערלך פרייען זיך מיטן אויבערשטן, אזויווי אונז האבן דאך יעצט גערעדט אז די גאנצע שמחה איז נאר אז אונז קענען נאנט ווערן צום טאטען, יעצט רעדן זיך די אידישע קינדער דורך וויאזוי מ'קען זיך מער מקשר זיין צום טאטען, אז אונז זאלן נישט נאכאמאל ווערן אפגעטיילט פון איהם, פארדעם האט אונז דער אויבערשטער געגעבן אין אזא צייט די הייליגע מצוה פון ד' מינים, וואס מיט דעם קענען אונז זיך צובינדען צו איהם.

מיט די ארבע מינים בינדט מען זיך צו צום אויבערשטן דורך צוויי וועגן. אזויווי ס'ווערט טאקע געברענגט אין די סידור התניא, אזויווי די הייליגע אר"י הקדוש זאגט, אז ווען מ'שאקלט ארוים מיט די לולב זאל מען זעהן עס צו שאקלען צו אלע עקן פון די וועלט, און ווען מ'נעמט עס צוריק אריין צו זיך זאל מען עס נעמען און צודריקן צום הארץ. דאס הייסט, דער אויבערשטער האט אונז געגעבן א געלעגענהייט זיך צוצובינדען און נאנט ווערן צום איהם אויף צוויי וועגן.

> דרך אחד שהד' מינים מקרב אותנו להשי"ת הוא ע"ד ולעבדו בכל לבבכם - שאנו מקרבין עצמנו אל ה'

די ערשטע וועג איז, אז אונז נעמען 'זיך' צום אויבערשטן, מ'נעמט די לולב און אתרוג וואס דאס ווייזט דאך אויפ'ן אויבערשטן - אזוי ווי מ'זאגט דאך ביי די יהי רצון ווען מ'בינד צאם די לולב, אז די ארבע מינים איז קעגן די פיר אותיות פונעם שם הוי"ה, יו"ד ה"א וא"ו ה"א - און מ'נעמט דעם שם הוי"ה און מ'שאקלט עס צו אלע זעקס זייטן, צו די פיר עקן פון די וועלט, מ'שאקלט עס אויף ארויף אויבן און אויף אראפ אונטן, צו ווייזן אז אונז בינדען זיך צו נאר צום אויבערשטן, נאר די באשעפער איז מיט אונז, נאר אין איהם גלייבן אונז, נאר צו איהם ווילן אונז זיין צוגעבינדן, און נאר צו איהם ווענדן אונז זיך.

די ערשטע וועג וויאזוי אונז זענען זיך מקשר צום אויבערשטן דורך די ארבע מינים איז 'ולעבדו בכל לבבכם ובכל נפשכם', אונז הייבן אויף דעם אויבערשטן אויף אלע זייטן צו ווייזן אז 'אונז' זענען געבויגן נאר צו איהם, און אונז דינען איהם מיטן גאנצן הארץ, אונז געבן זיך אינגאנצן אוועק פאר איהם מיט א מסירת נפש.

**דרך שני שהד' מינים מקרבין אותנו אליו הוא ע"י שאנו מביאין את הקב"ה בלבנו**

און די צווייטע וועג איז, אז מ'ברענגט אריין די 'באשעפער' אין זיך, נאך אזא הייליגע טאג ווי יום הקדוש, וואס אידן האבן תשובה געטוהן, מ'האט זיך געקלאפט על חטא, מ'האט תשובה געטון, מ'האט געבעטן דעם אויבערשטן אז די אלע שלעכטס די אלע עבירות זאלן ווערן אוועקגענומען, און דער אויבערשטער האט מוחל געווען אלע עוונות, ס'איז נישט דא מער קיין מסך המבדיל, אידישע קינדער קומען אריין אין דעם יום טוב סוכות מיט ריינע אויסגעארבעטע הערצער. נעמט מען דעם די לולב און אתרוג וואס דאס ווייזט אויף דעם שם הוי"ה, דאס ווייזט אויף השם יתברך, און מ'שאקלט עס מיט הארץ, און מ'ברענגט עס צו צו זיך מ'דריקט עס צו צום הארץ, צו ווייזן אז אונז נעמען אריין דעם אויבערשטן ביי אונז אין הארץ אריין, מ'ברענגט אריין דעם טאטען ביי זיך אין הארץ אריין.

אינעווייניג אינעם הארץ ליגט דאך די זאכן פונעם מענטש, די מדות פון א מענטש ליגט אין הארץ, אזוי ווי מ'זאגט אמאל אויף א מענטש 'ער האט א פארוויטאגט הארץ', ווען ס'טוט איהם עפעס וויי ליגט איהם די וויטאג אין הארץ.

פארוואס. ווייל דארט ליגט אלע זיינע געפילן. דאס טוט מען מיט די ד' מינים מ'ברענגט אריין דעם אויבערשטן אין זיך.

ווער ס'געדענקט, וויאזוי רבינו הקדוש האט געשאקעלט לולב און אתרוג, ווער ס'האט געזעהן די מחזה ווען ער האט מקיים געווען די מצוה, וויאזוי ער האט זיך געבויגן פארן אויבערשטן ביי יעדע שאקל, מ'האט דאך געזעהן וויאזוי ער שפירט ביי יעדע שאקל אז דאס איז פארן אויבערשטן.

איז דאך יעצט א געוואלדיגע זמן, ס'איז א געוואלדיגע שמחה אז מ'קען צוקומען און מ'קען אריינברענגען דעם רבונו של עולם ביי זיך איו הארץ, דאס איז דער 'ושמחת בחגך והיית אך שמח', דאס איז די שמחה ביי דעם הייליגן יום טוב.

### משה איש האלקים - אתפשטותא דמשה כבל דרא ודרא

אונז שטייען דאך היינט אין די אושפיזא פון משה רעיא מהימנא. פארוואס רופט די תורה אן משה רבינו 'איש האלקים'. ווייל די גאנצע 'איש' וואס ער איז געווען איז געווען 'אלקים', זיין גאנצע לעבן איז געווען דער אויבערשטער, בלתי לה' לבדו, ער האט געהאט יראת שמים ער האט מורא געהאט פארן אויבערשטן א יעדע רגע פון זיין לעבן, ער האט אגאנצן צייט געטראכט נאר פונעם אויבערשטן, און נאר אזוי איז ער אנגעגאנגען. איז דאס ווייזט ער פאר אונז, דאס דארפן אונז זיך אראפלערנען פון איהם אין די טאג פון זיין אושפיזא.

רבינו הקדוש איז דאך געווען די זעלבע זאך, ער האט א גאנצן לעבן געטראכט פונעם אויבערשטן, משה ווייזט דאך אויפן צדיק, אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא (תיקו"ז קיד ע"א), דער צדיק רבינו הקדוש די איש האלקים קומט היינט אריין דא. דא איז דאך זיין מקום, דא איז זיין סוכה, אונז זענען אין זיין שטאט, דא קומט ער אריין היינט.

די זוהר הקדוש ברענגט אז ביי יעדע שמחה קומען די אבות הקדושים אראפ צו די שמחה, די יום טוב איז דאך א שמחה פאר די אבות פאר די אושפיזאין, משה רעיא מהימנא מיט אלע אושפיזא'ן מיט די צדיק רבינו הקדוש קומען אראפ.

פארוואס קומען די אבות אראפ. זיי קומען אראפ צו זעהן וויאזוי אידישע קינדער זענען מקיים די מצוה, וויאזוי זיי זיצען אין די סוכה בצילא דמהימנותא, און זיי פרייען זיך מיטן אויבערשטן, וויאזוי זיי זענען מקבל די אמונה, ווען זיי זעהן וויאזוי אונז טוען דאס גייען זיי ארויף צום רבונו של עולם און זיי זאגן איהם 'בענטש כלל ישראל'.

אידישע קינדער ווארטן דאך אויף א גוטע יאר, ס'איז שוין ברוך השם אריבער די הייליגע טעג ראש השנה און יום הקדוש, יעצט ווינטשט מען זיך איינע דעם אנדערען 'א גוט קוויטל', דאס מיינט אז דאס וואס מ'האט געשריבן און גע'חתם'עט יום הקדוש זאל בלייבן אזוי, מ'זאל גארנישט טוישן פון דעם, און דאס קענען די אבות הק' צוהעלפן.

דאס איז היינט די שמחה, דער צדיק - משה רעיא מהימנא קומט אריין דא און ער קוקט זיך אום אויף אונז, דאס איז א געוואלדיגע שמחה פאר איהם. און דאס איז אויך אונזער שמחה אז דער צדיק איז דא.

זאל מען טאקע מקבל זיין אויף זיך די שמחה אויף א גאנץ יאר, מ'זאל זיך מקבל זיין אז אונז מ'גייט זיין נאנט צום אויבערשטן מיט א מסירת נפש, אונז גייען נעמען דעם רבונו של עולם די ארבע מינים וואס ס'ווייזט אויף די יו"ד ה"א וא"ו ה"א, און עס אריינגעמען צו אונז אין הארץ אריין, און נאר אין איהם וועלן אונז גלייבן, נאר צו איהם וועלן אונז דינען, אונז וועלן זיין זיינע עבדים, און אונז וועלן אייביג בלייבן געטריי צו איהם.

~ ~ ~

זאל דער אויבערשטער העלפן אז אונז זאלן טאקע קענען גיין מיט די שמחה. ביז אונז וועלן זוכה זיין טאקע צום ביאת גואל צדק, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן.

# ליל אושפיזא דיוסף

## | שנת תשפ"ב |

> יוסף הצדיק משפיע ברוחניות ובגשמיות רק למי שהוא נשמר במידתו - מדת היסוד

אונז זיצן דא צוזאמען אינעם אושפיזא פון יוסף צדיקא. יוסף הצדיק איז דאך משפיע, אזויווי ס'שטייט (בראשית מב ו') ויוסף הוא השליט וכו' הוא המשביר לכל עם הארץ, דארף מען וויסן וויאזוי קען מען באקומען השפעות פון יוסף, נאר אויב מ'האלט זיך הייליג און ערליך קען מען באקומען השפעות.

רבינו הקדוש פלעגט צו זאגן באושפיזא דיוסף, אז וויבאלד יוסף ווייזט דאך אויף די מדת היסוד, איוף קדושה וטהרה, זאל זיך יעדער איינער מקבל זיין אין זיין אושפיזא זיך צו האלטן בקדושה ובטהרה.

'הוא המשביר' מיינט דאך אז ער איז משפיע פאר אונז א גאנץ יאר, און היינט ספעציעל, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, בגשמיות איז ער משפיע פאר אונז פרנסה, און ברוחניות איז ער משפיע פאר אונז מיט דעם וואס ער היט אונז און ער געבט אריין די כוחות אז מ'זאל זיך קענען האלטן מיט די נסיונות. היינט ווען ס'איז זיין אושפיזא און ער קומט אריין צווישן אונז איז עס דאך א געוואלדיגע זמן זיך צו מקבל זיין אויף די מדת היסוד, זאל מען זיך עס טאקע מקבל זיין.

איבערהויפט אז אונז שטייען דאך יעצט ממש פאר הושענא רבא. הושענא רבא פלעגט רבינו הקדוש נאך צו זאגן פון הייליגן קאזניצ'ער מגיד דריי טייטשן וואס ער האט געטייטשט אויף 'הושענא רבא', 'הושענא רבא' - אונז דארף מיר א גרויסע הילף, 'הושענא רבא' - דער גרויסער זאל העלפן, 'הושענא רבא' - דער גרויסער זאל געהאלפן ווערן. וויאזוי ווערט דער גרויסער באשעפער געהאלפן, וויאזוי קען דער גרויסער אונז העלפן, אז אונז וועלן טוהן א אתערותא דלתתא וועט זיין א אתערותא דלעילא, אזוי וועט דער גרויסער אונז העלפן און אזוי וועט דער גרויסער אויך געהאלפן ווערן.

הבעש"ט הק' החיה ילד שנולד בברכתו וצוה לו לקרא בקול רם לאביו ולאמו כדי שלא יעזבוהו בביה"ח

איך וויל זאגן א ווארט, אונז שטייען דאך שוין זייער נאנט צו הושענא רבא. ס'ווערט געברענגט אז ס'איז געווען אמאל א אידענע וואס האט נישט געהאט קיין קינדער, איז זי געקומען צום הייליגן בעל שם הקדוש, און זי האט זיך זייער אויסגעוויינט צו איהם, אז זי פלאגט זיך שוין אזויפיל יאר און זי האט נאכאלץ נישט קיין קינדער און ס'איז ממש געפערליך, און זי האט יאמערלעך געוויינט, האט די הייליגע בעל שם טוב איר אנגעווינטשן אז דער אויבערשטער זאל העלפן אז זי זאל האבן דורות, און אזוי איז טאקע געווען נאך א שטיק צייט האט זי געהאט א קינד.

די טאטע מאמע האבן זיך זייער געפרייט אז זיי האבן שוין ברוך השם א קינד, ס'איז אריבער אפאר יאר דאס קינד איז אביסל אויפגעוואקסן, אבער אויף איין מאל איז דאס קינד נישט געזונט געווארן און דאס קינד איז אוועק, און די טאטע מאמע זענען געווען זייער צובראכן, זיי זענען געוועזן זייער פארוויטאאגט, מ'דארף נישט צו פארשטיין געבן וואספארא צער דאס איז געווען פאר זיי, זיי האבן געווארט אזוי לאנג, און ענדלך ווען זיי האבן שוין געהאט דאס קינד, זיי האבן געווארט צו זעהן נחת פון איהם, און ענדלך ווען זיי האבן שוין אנגעהויבן צו זעהן אביסל נחת איז געשעהן אזא זאך, ס'איז דאך זייער א גרויסע וויטאג, האבן זיי אפגעמאכט אז זיי פארן צוריק צום הייליגן בעל שם טוב הקדוש, אבער ווען זיי זענען אנגעקומען אין מעזיבוז האבן זיי געהערט אז די בעל שם הקדוש איז שוין אויך נישט דא, זענען זיי צוגעגאנגען צו זיין ציון און זיי האבן זיך זייער אויסגעוויינט דארט, זיי האבן געזאגט פארן בעל שם טוב אז נישט דאס האבן זיי געמיינט, זיי האבן געוואלט א קינד וואס זאל לעבן און אויפשטעלן ווייטער דורות, וואס האבן זיי פון דעם אז זיי האבן געהאט א קינד וואס איז אוועק אזוי יונג, און אזוי האבן זיי זייער געוויינט. נאכדעם האבן זיי איבערגעלאזט דאס קינד אויפן ציון און זיי זענען ארויסגעגאנגען.

אזוווי די טאטע מאמע האבן זייער געוויינט האט זיך געעפענט די רחמנות אויבן אין הימל, און די הייליגע בעל שם הקדוש האט גע'פועל'ט אין הימל אז ער זאל איהם נאכאמאל אראפברענגען, ער זאל איהם קענען מחיה מתים זיין, און ער האט איהם מחיה מתים געווען, ער האט צוריק אויפגעלעבט דאס קינד, און ער

האט געזאגט פארן קינד; זאלסט וויסן דיין טאטע און מאמע האבן דיך דא איבערגעלאזט, זיי זענען שוין ארויסגעגאנגען, יעצט זענען זיי נאך דא נעבן, דו קענסט זיי נאך האבן, 'גיי שנעל רוף זיי', ווייל אז נישט וועסטו דא בלייבן אליין, און דו וועסט נישט האבן מיט וועם צו גיין. וכך הוה, דאס קינד האט זיך אויפגעוועקט, און ער האט זייער שטארק געוויינט, און די טאטע און מאמע זענען נאכנישט געווען אזוי וויט, זיי האבן נאך געשמועסט אינדרויסן וואס זיי קענען טוהן, און ווען זיי האבן געהערט עפעס א יאמערליכע קול זענען זיי אהין געגאנגען און זיי האבן געזעהן אז דאס קינד איז צוריק לעבעדיג געווארן.

> דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב - דוקא בימים כאלו שאבינו שבשמים קרוב אצלנו

פארוואס איך פארצייל די מעשה, - קודם ווייל ס'איז מוצאי שבת, און ס'איז א מעשה פון היילגן בעל שם הקדוש, - אבער איך דערצייל עס ווייל ס'איז א מעשה וואס מ'דארף זיך עפעס ארויסלערנען פון דעם, וואס קענען אונז זיך אונז ארויסלערנען פון דעם.

אונז שטייען דאך יעצט פאר הושענא רבא, אין די טעג איז דער אויבערטער דא לעבן אונז, ער איז שטענדיג דא נעבן אונז אבער יעצט ספעציעל, אזויווי די גמרא זאגט אז דרשו ה' בהמצאו קראוהו 'בהיותו קרוב' מיינט די טעג צווישן ראש השנה און יום הקדוש וואס מ'האט ארויסגעוויזן יראת השם, יעצט אין די טעג פון סוכות וואס אונז ווייזן ארויס אהבת השם, אין די טעג וואס אונז ווייזן אז אונז האבן ליב דעם אויבערשטן, אונז זיצען אין די סוכה נאר ווייל אונז זענען מקיים וואס דער אויבערשטער האט געהייסן, אונז זיצן אין די סוכה סיי צו דערמאנען די ענני הכבוד און סיי אלס זכר ליציאת מצרים, אלעס איז נאר זיך צו דערמאנען אז אלעס איז נאר דער אויבערשטער, נאר דער אויבערשטער, און נאכאמאל דער אויבערשטער, אין אזא צייט איז דער אויבערשטער ספעציעל דא מיט אונז. די סוכה איז דאך בצילא דמהימנותא, אונז גלייבן דאך אז דער אויבערשטער זיצט דא מיט די אלע אושפיזא'ן, זיי אלע זיצן דא צוזאמען מיט יוסף הצדיק, אזויווי ס'ווערט געברענגט אז ווען ס'איז איינעם'ס אושפיזא קומען אלע אנדערע אושפיזא'ן מיט, כדי אז ווען ס'קומט אוים יענעם'ס אושפיזא זאל יענער אויך מיטקומען, פארדעם קומען דא

אלע אושפיזא'ן אין די אלע זיבן טעג, אין די טעג איז דער אויבערשער דא, און די אלע שבעה רועים זענען דא, אין אזא צייט דארף מען דאך מקבל זיין זייער אסאך.

דאס מיינט די מעשה פאר אונז, דאס האט ער געמיינט, יעצט איז די טאטע מיט די אלע אושפיזא'ן נאך דא נעבן אונז, דארף מען זיך אויפוועקן און מ'דארף איהם רופן ווייל באלד גייט ער שוין אוועק, דארט האט ער געזאגט פארן קינד אז ער זאל רופן זיין טאטע מאמע ווייל זיי גייען שוין אוועק, דא אפילו דער אויבערשטער איז יא דא שטענדיג, אבער אזוי נאנט ווי ער איז יעצט איז ער נישט א גאנץ יאר, זאל מען זעהן זיך אויפצו וועקן, אונז שטייען דאך פאר הושענא רבא, לאמיר זיך אויפוועקן ווילאנג דער אויבערשטער איז נאך דא, דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב, לאמיר זעהן איהם צו רופן.

> רק ע"י התפילה יכולין לנצוח היצר - כדי שיתקבלו תפילתנו צריכין להתנהג בקדושה ובטהרה

אידישע קינדער ווארטן דאך אויף א גוט געבענטשט יאר, 'הושענא רבא' - אונז ווארטן אויף א גרויסע הילף, אונז ווארטן אז דער גרויסער זאל אונז העלפן, נאר ער קען אונז דאך העלפן, אונז ווארטן אז דער גרויסער זאל געהאלפן ווערן, וויאזוי וועט ער געהאלפן ווערן. אז ער וועט אונז אויסלייזן וועלן אונז מער נישט מיטמאכן אזויפיל, אזוי וועלן אונז איהם קענען גראד דינען אן קיין שוועריגקייטן אן קיין נסיונות. אבער ביזדערווייל ווי לאנג אונז זענען נאך אין גלות איז נאך דא נסיונות, כדי זיך צו קענען שטארקן אויף די נסיונות דארף מען מתפלל זיין, יוסף הצדיק האט זיך נאר געקענט האלטן מיט זיינע נסיונות ווייל ער האט מתפלל געווען.

וויאזוי האט מען אנגענומען יוסף'ס תפילות, ווייל ער האט מתפלל געווען בקדושה ובטהרה, ער האט געוויזן אז כדי צו קענען מתפלל זיין דארף מען זיין בקדושה ובטהרה, די מויל וואס רעדט צום אויבערשטן דארף זיין ריין, ווען א מענטש בעהט דעם אויבערשטן בקדושה ובטהרה, אויב די מויל וואס רעדט צום אויבערשטן איז א ריינע מויל, דעמאלטס קען ער פועל'ן.

**אם מתנהגין בעצמיותו של יוסף הצדיק דהיינו במדת היסוד ננצל מצרותינו ונתקרב פדות נפשנו בגאולה שלימה**

ס'שטייט אין די תורה סוף פרשת ויחי (נ' כד-כה), אז פאר יוסף הצדיק איז אוועק פאר ער איז נפטר געווארן האט ער געזאגט; אנכי מת ואלקים פקד יפקד אתכם והעלה אתכם מן הארץ הזאת וכו', פקד יפקד אלקים אתכם והעליתם את עצמותי מזה. סתם פשט איז, ער האט געזאגט; איך גיי יעצט אוועק, און ס'וועט קומען א צייט וואס מ'וועט ענק קומען אויסלייזן, און ווען מ'וועט ענק אויסלייזן, 'והעליתם את עצמותי מזה' - דעמאלטס זאלט עטס ארויפברענגען מיינע ביינער, עטס זאלט מיך ארויפברענגען פון מצרים.

אבער לכאורה אז מ'קוקט אריין אין פסוק איז שווער די לשון, ס'שטייט דארט והעליתם את עצמותי מזה, און אויב איז עס פשוט פשט 'עטס זאלטס ארויפברענגען מיינע ביינער מיט ענק', וואלט געדארפט שטיין והעליתם את עצמותי 'אִתכם' - מיט ענק, פארוואס שטייט 'מזה'.

זאגט די הייליגע תפארת שלמה - פשט איז, (עי' שם ד"ה ויאמר יוסף וע"ע פר' חיי שרה ד"ה א"י ואברהם זקן), יוסף הצדיק האט גערעדט צו די שפעטערדיגע דורות, און ער האט געזאגט; אז עטס ווילטס אז ס'זאל זיין פקוד יפקוד 'אלוקים' אתכם - 'אלוקים' איז דאך די מדת הדין - אז עטס ווילטס אז ס'זאל אוועקגיין אלע דינים אלע שוועריגקייטן, עטס ווילטס אז דער אויבערשטער זאל ענק אויסלייזן און ס'זאל שוין זיין די גאולה שלימה, משיח זאל שוין זאל קומען, דעמאלטס והעליתם את 'עצמותי' מזה, - 'עצמותי' איז די טייטש מיין עצמיות, - זאלט עטס ארויפברענגען מיין עצמיות, עטס זאלט זיך האלטן מיט מיין עצמיות, וואס איז מיין עצמיות, מיין עצמיות איז אז איך האב זיך געהאלטן הייליג אפילו איך האב געהאט נסיונות, אפילו איך האב געוואוינט אין מצרים אין דעם ערות הארץ, און איך בין אריבער דארט זייער שווערע נסיונות, אפילו איך בין געווען א מלך און איך האב אלעס געקענט האבן, האב איך גארנישט געטוהן נאר וואס דער אויבערשטער האט געהייסן, איך האב נאר געטוהן וואס מ'מעג טוהן, און איך האב מיך געהאלטן הייליג בקדושה ובטהרה, דאס איז מיין עצמיות. און אויב עטס וועטס דאס ארויפברענגען,

אויב ענק וועלן זיך האלטן מיט מיינע מדות, דעמאלטס וועלן אלע דינים און אלע שוועריגקייטן אוועקגיין און די גאולה שלימה וועט קומען.

דאס איז פשט, והעליתם את עצמותי - עטס זאלטס ארויפברענגען מיינע עצמיות, מזה - פון דעם גלות, אפילו עטס זענטס אין גלות און ס'איז דא נסיונות, מיט דעם אלעם זאלט עטס אויפהייבן מיין עצמיות און מיינע מדות און אזוי וועט אוועקגיין פון ענק אלע שוועריגקייטן, און עטס וועטס ווערן אויסגעלייזט פון גלות.

און דאס האט אונז רבינו הקדוש אויסגעלערנט דאס האט ער אונז כסדר געוויזן, און ער האט אונז געזאגט אז פאר דעם דארף מתפלל זיין, און פאר די איין סיבה האט ער געבויט די גאנצע שטאט, ער האט עס געבויט כדי מ'זאל זיין הייליג פארן אויבערשטן. און פארשטייט זיך אז אויב מ'איז הייליג קען מען ווערן אויסגעלייזט, אז מ'האלט זיך בקדושה ובטהרה ברענגט מען צו די גאולה שלימה.

יוסף איז דאך געווען די משביר ער האט משפיע געווען פרנסה ברוחניות ובגשמיות, און אז מ'האלט זיך מיט די מדת יוסף - די מדת היסוד איז עס משפיע ברוחניות ובגשמיות, דארף מען יעצט אין זיין אושפיזא מקבל זיין זיך צו האלטן מיט זיין מדה די מדת היסוד, און לאמיר עס טאקע מקבל זיין אויף זיך, אזוי וועט ער אונז קענען משפיע זיין ברוחניות ובגשמיות.

~ ~ ~

ובזכות דעם וואס אונז זענען אפגעהיטן, אונז זענען דאך דא אין אזא הייליגע שטאט וואס יעדער איינער שטרענגט זיך אן, אפילו די נסיונות זענען זייער גרויס אבער פונדעסטוועגן שטרענגט זיך יעדער איינער אן, די בחורים די אינגעלייט די בעלי בתים די קינדער יעדער שטרענגט זיך אן, זאל אונז דער אויבערשטער טאקע העלפן בזכותו פון די אושפיזא יוסף הצדיק, און אונז זאלן זוכה זיין צו אלע השפעות טובות.

און דער אויבערשטער דער הושענא רבא - דער גרויסער העלפער זאל אונז שוין טאקע העלפן, און ער זאל אונז ארויסנעמען פון אלע אונזערע שוועריגקייטן, דורכדעם וועט ער דאך אויך געהאלפן ווערן, ביז אונז וועלן זוכה זיין צום ביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.

# ליל שמחת תורה תשפ"ה

| באמצע הקפה חמישית |

אונז שטייען דא אינעם דערהויבענסטער טאג פונעם יאר, ווען מ'פריידט זיך מיט די תורה.

דער אויבערשטער איז דא מיט אונז אזויווי אונז זאגן א גאנצן צייט 'שכינה הקדושה בתוכינו', און ער פריידט זיך מיט אונז, די גאנצע פמליא של מעלה זענען דא,ס'איז זייער א גרויסע שמחה.

אלע אבות הק' אלע צדיקים זענען דא מיט אונז, אזויווי ס'שטייט אין זוהר הק' אז אלע אבות קומען אראפ ביי א שמחה, ווי איז נאך דא א גרעסערע שמחה ווי שמחת תורה ווען מ'פריידט זיך מיט די תורה, מ'פריידט זיך מיטן אויבערשטן.

ס'ווערט געברענגט אז היינט זענען אלע שערי שמים אפען מ'קען היינט בעטן פונעם רבונו של עולם וואס מ'וויל, ער געבט היינט וואס מ'בעט איהם. דארף מען דאך וויסן וואס דארף מען בעטן, וואס איז כדי איהם צו בעטן. ווערט געברענגט א משל פון די תלמידי בעל שם, אמאל איז געווען א מלך וואס האט געמאכט א גרויסע סעודה לכבוד די חתונה פון זיין בן יחיד, און די קעניג איז געווען זייער פריילך, און ער האט געהייסן אויסרופן אז אלע מענטשן פון זיין לאנד קענען בעטן פון איהם וואס זיי ווילן, און וואס מ'וועט בעטן וועט ער געבן.

און יעדער איינער איז געקומען און געבעטן פון די קעניג וואס זיי האבן געדארפט וואס ס'האט זיי געפעלט, און די קעניג האט יעדעם אויסגעהערט און צוגעזאגט צו געבן דאס וואס מ'האט געבעטן, ביז ס'איז אנגעקומען איין חכם און ער האט געזאגט פארן קעניג אז ער בעט אז ער זאל אייביג קענען זיין נאנט צום קעניג, אזוי אז ער וועט זיך אלץ דרייען ארום דעם קעניג, וועט ער אייביג קענען בעטן פונעם קעניג וואס ס'פעלט איהם, נישט נאר היינט. האט איהם די קעניג

געזאגט 'אה דו ביזט א קלוגע מענטש, דו ווייסט וואס צו בעטן', און פארשטייט זיך אז ער האט איהם דאס נאכגעגעבן.

לענינינו, היינט קענען אונז בעטן פונעם אויבערשטן וואס אונז ווילן, דארף מען בעטן דעם אויבערשטן 'רבונו של עולם אונז ווילן זיין נאנט צו דיר א גאנץ יאר' אונז ווילן שטענדיג זיין דבוק אין דיר, דאס זאל מען טאקע בעטן, אז מ'וועט דאס בעטן וועט דער אויבערשטער עס זיכער געבן, און אז אונז וועלן א גאנץ יאר זיין נאנט צום אויבערשטן וועט ער אונז אלעמעל געבן וואס ס'פעלט אונז ברוחניות ובגשמיות.

~ ~ ~

דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן אז אונז זאלן קענען זיין נאנט צו איהם א גאנץ לעבן, ס'זאל אונז גרינג אנקומען די דאווענען און די לערנען, ביז מ'וועט שוין זוכה זיין צום ביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.

# מוצאי שמח"ת תשפ"ב

## | בעת מעמד הבאגלייטן |

מ'האט היינט געליינט אין די תורה 'וזאת הברכה אשר ברך משה איש האלקים', משה רבינו האט געבענטשט כלל ישראל פאר ער איז אוועק פון די וועלט.

וואס האט ער געבענטשט, ער האט געבענטש די אידישע קינדער אז א יעדע איד זאל זיין א 'איש האלקים'. א 'איש האלקים' איז טייטש א מענטש וואס האט מורא פונעם אויבערשטן, א מענטש וואס האט יראת שמים, און דאס איז די ברכה וואס משה רבינו האט געבענטשט די אידישע קינדער.

ס'שטייט דאך ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה, פרעגט די גמרא וכי יראה מילתא זוטרתא היא, יראת שמים איז דען א קלייניגקייט. ענטפערט די גמרא 'אין', לגבי משה מילתא זוטרתא היא. פשט איז 'לגבי משה' - אז מ'איז דבוק צום צדיק, מילתא זוטרתא הוא - איז עס א גרינגע זאך, 'משה' ווייזט דאך אויפן צדיק, אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא (תיקו"ז קיא ע"א), אז מ'איז דבוק צו א צדיק איז יראת שמים א גרינגע זאך, ווייל די צדיק שיינט אריין יראת שמים אין דער וואס איז דבוק צו איהם.

אונז האבן זיך דעם יו"ט מדבק געווען דא צום הייליגן צדיק רבינו הקדוש, וואס אלע יארן בחייו האט ער אונז ארייגעגעבן יראת שמים, און אויסער דעם שטייט דאך דאס אין זיינע ספרים.

יעצט ווען מ'גייט אהיים זאלט עטס נישט פארגעסן, 'וזאת הברכה אשר ברך משה איש האלקים', די צדיק האט אונז געבענטשט אז מ'זאל זיך האלטן פאר א 'איש האלקים', אז מ'זאל האבן יראת שמים, עטס זאלטס זעהן עס אנצוהאלטן, דאס איז נוגע הן פאר בחורים הן פאר אינגעלייט, פאר אנשים נשים וטף, פאר

יעדעם איינעם, מ׳זאל נישט פארגעסן די צדיק האט אונז געבענטשט מיט די ברכה, און מיט די ברכה וועלן אונז קענען ווייטער גיין.

~ ~ ~

די אויבערשטער זאל העלפן מ׳זאל טאקע זוכה זיין צו א לעכטיג יאר, א געזונטע יאר, א גוט יאר, ברוחניות ובגשמיות, עד ביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.